NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04253

OYFN SHLAKHTFELD

Vsevolod Mikhailovich Garshin

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ארבייטער רינג לענדענער ביבליאטעק

צענטראלע יידישע ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו

אויפ'ן שלאכטפעלד
דער סיגנאל

ארויסגעגעבן פון בילדונגס דעפארטמענט
ארבייטער רינג

VOL. I. NO. 2

ארבייטער רינג
קינדער ביבליאטעק

אויפ'ן שלאַכטפעלד
דער סיגנאַל

צוויי ערציילונגען

פון וו. גאַרשין.

איבערזעצט פון ש. הורוויץ (זאלקעס).

צענטראלע יידישע ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו

ארויסגעגעבן פון
בילדונגס דעפארטמענט
ארבייטער רינג.

און איך קריך. די פיס טשעפען זיך אין דער ערד. יעדער ריר מאכט דעם ווייטיק נאך שמערצלאכער... (זייט ח)

אויפ'ן שלאַכטפעלד.

איך געדענק, ווי מיר זיינען געלאָפן איבער'ן וואלד, ווי די קוילן האָבן געהודזשעט, ווי די צווייגעלאַך האָבן זיך געבראָכן, געטראָפן פון די קוילן, ווי מיר האָבן זיך דורכגעריסן צווישן די געדיכטע קוסטעס. מ'האָט געשאָסן אַלץ אָפטער און אָפטער. דורך די ביימער, ביים ראַנד פון וואלד, האָט עפעס אַ רויטס געפינקלט, באַוועגט זיך. סידאָראָוו, אַ יונגער סאָלדאַט פון דער ערשטער ראָטע (ווי קומט ער אַהער, אין אונזער קייט? — איז מיר דורכגעלאָפן אַ געדאַנק), האָט זיך פלוצלונג אַ זעץ געטאָן אויף דער ערד און שווייגנדיק געקוקט אויף מיר מיט זיינע גרויסע דערשראָקענע אויגן. פון זיין מויל האָט גערונען בלוט. יאָ, איך געדענק דאָס אַלץ גוט. איך געדענק אויך, ווי איך האָב צווישן די געדיכטע קוסטעס שוין גאָר ביים ברעג וואלד דערזען... א י ם . דאָס איז געווען אַ ריזיקער דיקער טערק. איך האָב זיך אָבער אַ לאָז געטאָן גלייך צו אים, כאָטש איך בין געווען שוואַך און מאָגער. עפעס האָט אַ קלאַפּ געטאָן, עפעס איז דורכגעפלויגן לעבן מיר, ס'האָט געקלונגען אין די אויערן. „דאָס האָט מען געשאָסן אויף מיר", — האָב איך אַ טראַכט געטאָן. און יענער האָט מיט אַ שרעקלאַכן געשריי זיך צוגעשפאַרט מיט'ן רוקן צום געדיכטן קוסט. ער וואָלט זיך געקאָנט באַהאַלטן פון יענער זייט, נאָר פאַר שרעק האָט ער גאָרנישט פאַרשטאַנען און איז אַלץ געקראָכן אויף די שטעכיקע צווייגן. מיט איין קלאַפּ האָב איך אים אַרויסגעשלאָגן די ביקס פון דער האַנט, מיט'ן אַנדערן האָב איך ערגעץ אַריינגעשטעקט מיין שפּיז. עפעס האָט אָנגעהויבן ברומען, אַ טיפער קרעכץ. נאָכדעם האָב איך זיך געלאָזט ווייטער. אונזערע האָבן געשריען „הורא", געפאַלן, געשאָסן. איך געדענק, אַז איך האָב אויך עטלאַכע מאָל אויסגעשאָסן — דעמאָלט בין איך שוין געווען אויף אַ פרייען פלאַץ, הינטער'ן וואלד. פלוצלונג האָט מען אָנגעהויבן נאָך שטאַרקער צו שרייען: „הורא", און מיר האָבן זיך אַ לאָז געטאָן ווייטער. דאָס הייסט ניט מיר, נאָר אונזערע, ווייל איך בין געבליבן פון הינטן. איך האָב עפעס גאָר ניט פאַרשטאַנען, וואָס איז דאָס... פלוצלונג איז אַלצדינג געוואָרן שטיל: מ'האָט ניט געהערט ניט קיין שיסעריי, ניט קיין געשרייען. דאָס האָב איך

אויך ניט געקאנט פארשטיין. איך האב ניט געהערט גארניט און נאר געזען עפעס בלאעס: אפנים דער הימל. נאכדעם איז אלצדינג פארשוואונדן.

איך ליג אויפ'ן בויך און זע פאר זיך נאר א קליין שטיקל ערד. עטלאכע גרעזעלאך, א מוראשקע קריכט און שלעפט עפעס, א פאר טרוקענע צווייגעלאך. דאס אלץ זע איך נאר מיט איין אויג, ווייל דאס צווייטע איז פארדעקט מיט'ן צווייגל, אויף וועלכער ס'ליגט מיין קאפ. מיר איז זייער ניט באקוועם צו ליגן אזוי, און איך וויל זיך א הייב טאן, נאר איך פארשטיי ניט, פארוואס קאן איך זיך ניט רירן. די צייט גייט. איך הער ווי א גריל משירקעט ערגעץ אין גראז, א בינעלע זשומעט, ענדלאך שטרענג איך זיך אן, באפריי די רעכטע האנט און, אנשפארנדיק זיך מיט ביידע הענט אן דער ערד, פרואוו איך זיך שטעלן אויף די קני.

א שארפער ווייטאק שניידט דורך מיין גאנצן קערפער פון די קני ביז'ן קאפ און איך פאל אנידער. ווייטער פינסטער — און מער גארנישט.

איך הייב זיך אונטער און זעץ זיך. דאס איז זייער שווער, ווען ביידע פיס זיינען איבערגעבראכן. עטלאכע מאל פרואוו איך זיך זעצן — און קאן ניט. ענדלאך זעץ איך זיך אויף. פאר גרויס ווייטיק באווייזן זיך טרערן אין די אויגן.

הויך איבער מיר א שטיקל בלוי-שווארצער הימל, וואו עס ברענט איין גרויסער שטערן און עטלאכע קליינינקע. ארום און ארום — עפעס הויכס, טונקעלס. דאס זיינען קוסטעס. איך ליג צווישן די קוסטעס: מ'האט מיך ניט געפונען!

איך פיל, ווי די ווארצלען פון די האר רירן זיך אויף מיין קאפ.

ווי קום איך איבער צו די קוסטעס, אז דערשאסן האט מען מיך דארט, אויפ'ן פרייען פלאץ? אפנים איך בין שוין א פארוואונדעטער צוגעקראכן אהער, ניט ווייסנדיק, וואס ס'טוט זיך מיט מיר. און מערקווירדיק! איצט קאן איך זיך ניט רירן, און דעמאלט האב איך זיך נאך געקאנט דערשלעפן ביז די דאזיקע קוסטעס. און אפשר האב איך נאך דעמאלט געהאט נאר איין וואונד, און די צווייטע קויל האט מיך שוין געטראפן דא.

מאט-ראזע פלעקן האבן זיך אנגעהויבן באוועגן ארום מיר. דער גרויסער שטערן איז געווארן בלאסער, די עטלאכע קליינינקע זיינען פארשוואונדן, דאס גייט אויף די לבנה. ווי גוט איז איצט אין דער היים!

עפּעס הער איך מאָדנע קולות... אַזוי ווי אימיצער קרעכצט. יאָ, מען קרעכצט. אפשר ליגט דאָ אימיצער, אַ פאַרלאָזענער ווי איך, מיט איבער־געבראָכענע פיס, אָדער מיט אַ קויל אין בויך? ניין, דאָס קרעכצן הערט זיך אַזוי נאָענט, און אַרום מיר איז ניטאָ, דאַכט זיך, קיינער... גאָט אין הימל, דאָס קרעכץ איך דאָך אַליין! אַזוי שטיל, טרויעריק; טוט מיר טאַקע אַזוי ווי? מסתמא יאָ, נאָר איך פאַרשטיי ניט דעם ווייטיק, דער קאָפּ איז ווי מיט בליי אָנגעגאָסן. בעסער זיך ווידער לייגן און אַנשלאָפן ווערן, שלאָפן, שלאָפן... צי וועל איך אָבער ווען אויפוואַכן? דאָס איז אַלץ איינס.

אין דער מינוט, ווען איך וויל זיך לייגן שפּרייט זיך אויס אַ ברייטער פּאַס לבנה־ליכט אויף דעם אָרט, וואו איך געפין זיך, און איך זע: ניט ווייט, אַן ערך פינף טריט פון מיר, ליגט עפּעס אַ גרויס און אַ טונקלס, ערטערווייז פינקלט אויף אים דאָס ליכט פון דער לבנה. דאָס זיינען די קנעפּלאַך, אָדער דאָס געווער. אַפּנים אַ טויטער, אָדער אַ פאַרוואונדעטער.

אַלץ איינס, איך לייג זיך.

ניין, ס'קאָן ניט זיין. אונזערע זיינען ניט אַוועק. זיי זיינען דאָ, זיי האָבן פאַריאָגט די טערקן און זיינען געבליבן אויף דער פּאָזיציע. פאַרוואָס זשע הערט מען ניטריידן, פאַרוואָס ברענען ניט קיין פייערס? מסתמא הער איך ניט, ווייל איך בין צו שוואַך. זיי זיינען געוויס דאָ.

„ראַטעוועט! ראַטעוועט!"...

ווילדע, הייזעריקע געשרייען רייסן זיך אַרויס פון מיין ברוסט, און קיין ענטפער איז ניטאָ. הילכיק קלינגען זיי אין דער נאַכטיקער לופט. אָבער אַלץ שווייגט אַרום און אַרום. נאָר די גרילן טשירקען ווי פריער, אָן אָן אויפהער. די לבנה קוקט אויף מיר רחמנות'דיק מיט איר קיילאַכדיקן פּנים.

ווען ער וואָלט געווען אַ פאַרוואונדעטער, וואָלט ער זיך אויפגעכאַפּט פון אַזאַ געשריי. דאָס איז אַ טויטער. אונזערער אָדער אַ טערק? אַך, גאָט! ס'איז דען ניט אַלץ איינס?... דער שלאָף לאָזט זיך אַראָפּ אויף מיינע מידע אויגן.

ס'איז אָבער היים. די זון באַקט. איך עפן די אויגן, זע די אייגענע קוסטעס, דעם אייגענעם הימל. יאָ, ס'איז אַ טערק, אַ טויטער. ווי גרויס ער איז! איך קען אים, דאָס איז דער זעלביקער...

פאַרוואָס האָב איך אים געטויט?

אָט ליגט ער אַ טויטער, אַ פאַרבלוטיקטער. צוליב וואָס האָט אים זיין מזל געבראַכט אַהער? ווער איז ער? אפשר האָט ער ערגעץ, ווי איך, אַן

אַלטע מוטער. לאַנגע אָוונטן וועט זי זיצן ביי דער טיר פון איר אָרים הייזל און קוקן צום ווייטן צפון: אפשר גייט איר טייערער זון, איר טרייסט און איר איינציקע שפּיצע אויף דער עלטער?...

און איך? איך וואָלט זיך אפילו געביטן מיט אים. ווי גליקלאַך ער איז: ער הערט ניט קיין זאַך, ער פילט ניט דעם ווייטיק פון די וואונדן, ניט דעם טויטלאַכן פּיין, ניט די דאַרשט... אויף זיין מונדיר זע איך אַ גרויסע שוואַרצע לאַך, אַרום דער לאַך — בלוט. דאָס האָב איך געטאָן.

איך האָב דאָס ניט געוואָלט. איך האָב קיינעם ניט געוואונשן קיין בייז, ווען איך בין געגאַנגען אויף דער מלחמה. אַז איך וועל אויך דאַרפן טויטן מענשן, איז מיר ניט געקומען אויפ'ן געדאַנק. איך האָב זיך נאָר אויסגעמאָלט, ווי איך וועל אויסשטעלן מיין ברוסט אַנטקעגן די קוילן. און איך בין געגאַנגען און האָב אויסגעשטעלט.

בין איך דען שולדיק, וואָס איך האָב אים געטויט? אין וואָס באַשטייט מיין שולד? פאַרוואָס פייניקט מיך די דאַרשט? דאַרשט! ווער פאַרשטייט דען דאָס וואָרט? ווען מיר האָבן ביי אַ שרעקלאַכער פערציק-גראַדיקער היץ מאַרשירט איבער רומעניען צו פופציק וויאָרסט אַ טאָג, האָב איך ניט געפילט דאָס, וואָס איך פיל איצט. אַך, ווען אימיצער זאָל נאָר קומען!

גאָט, מיין גאָט! ביי אים איז דאָך צוגעבונדן אַ גרויסע פלאַש. מסתמא איז אין איר דאָ וואַסער! ווי קום איך אָבער צו איר? איך וועל קריכן, פויזן, זאָל זיין, וואָס ס'וויל זיין! איך מוז צוקומען אַהינצו.

איך קריך. די פיס שלעפּן זיך נאָך, די אָפּגעשוואַכטע הענט קאָנען קוים אונטערהאַלטן דעם אומבאַוועגלאַכן קערפּער. ביז דעם טויטן איז ניט מער ווי אַ פּאָר קלאַפטער, נאָר פאַר מיר איז דאָס ערגער ווי צענדליקער וויאָרסט. פונדעסטוועגן מוז מען קריכן. אין האַלז ברענט, בראָט, ווי מיט פייער. אָן וואַסער וועל איך גיכער שטאַרבן. פונדעסטוועגן, אפשר...

און איך קריך. די פיס טשעפּען זיך אָן דער ערד, יעדער ריר מאַכט דעם ווייטיק נאָך שמערצלאַכער. איך שריי, שריי, שריי און קריך דאָך. אָט איז ער שוין. אָט איז די פלאַש... ס'איז דאָ וואַסער — אַ סך וואַסער! מער ווי אַ האַלבע פלאַש. אַ! וואַסער וועט מיר קלעקן אויף לאַנג... ביז'ן טויט!

דו ראַטעוועסט מיך, מיין קרבן!... איך האָב גענומען אָפּבינדן די פלאַש, אָנגעשפּאַרט דעם גוף אויף איין האַנט, פּלוצלונג האָב איך פאַרלאָרן דאָס גלייכגעוויכט און געפאַלן מיט'ן פּנים אויף דער ברוסט פון מיין רעטער. פון אים האָט זיך שוין געטראָגן אַ שטאַרקער ריח טון פוילקייט.

איך האָב געטרונקען. דאָס וואַסער איז געווען וואַרים, אָבער ניט פאַר־דאָרבן, און געווען איז אַ סך. איך וועל לעבן נאָך עטלאַכע טעג.

נו, און ווייטער? אויב איך וועל איבערלעבן נאָך פינף־זעקס טעג, וואָס וועט זיין דערפון? אונזערע זיינען אַוועק, די באָלגאַרן זיינען זיך צולאָפן, קיין וועג איז אין דעם געגנט ניטאָ. אַלץ איינס — שטאַרבן. איך האָב נאָר פאַרלענגערט די גסיסה פון דריי טעג אויף זיבן.

ניין, מ'טאָר ניט פאַרלירן דעם מוט. איך וועל זיך האַלטן ביז'ן סוף, ביז די לעצטע כוחות. אויב מ'וועט מיך געפינען, בין איך דאָך געראַטעוועט. מעגלאָך, אַז די ביינער זיינען גאַנץ, מ'וועט מיך היילן, איך וועל זען די היים, די מאַמען, מאַשען...

זאָלן זיי בעסער ניט געוואָר ווערן דעם אמת! זאָלן זיי מיינען, אַז איך בין געשטאָרבן מיט אַמאָל. וואָס וועלן זיי פילן, ווען זיי וועלן זיך דערוויסן, אַז איך האָב זיך געמאַטערט צוויי, דריי, פיר טעג!

דער קאָפּ דרייט זיך. מיין וועג צום שכן האָט מיך שטאַרק פאַרמאַטערט. און דער שרעקלאַכער ריח! ווי שאַרף ער איז געוואָרן... וואָס וועט זיין מיט אים מאָרגן אָדער איבערמאָרגן? איך ליג דאָ נאָר, ווייל איך האָב ניט קיין כח זיך אָפּצורוקן. לאָמיר זיך נאָר אָפּרוען, וועל איך אַריבערקריכן צום פריערדיקן אָרט. דער ווינט בלאָזט פון דאָרטן, וועט ער אַוועקטראָגן דעם שרעקלאַכן געשטאַנק.

איך ליג אָן כוחות. די זון ברענט דאָס פּנים און די הענט. ס'זאָל שוין כאָטש קומען די נאַכט, דאָס וועט, דאַכט זיך, שוין זיין די צווייטע.

די געדאַנקען פּלאָנטערן זיך מיר און איך הער אויף עפּעס פילן...

אויפגעכאַפּט האָב איך זיך אין מיליטערישן שפּיטאָל. נעבן מיר שטייען דאָקטוירים, באַרמהערציקע שוועסטער, און אַ חוץ דעם זע איך דעם באַקאַנטן פּנים פון אַ באַרימטן פּעטערבורגער פּראָפעסאָר, וועלכער שטייט אַריבער־געבויגן איבער מיינע פיס. זיינע הענט זיינען פאַרבלוטיקט. ער טוט עפּעס מיט מיינע פיס און נאָכדעם זאָגט ער צו מיר:

— נו, ס'איז נאָך אייער גליק, יונגערמאַן! איר וועט בלייבן לעבן! איין פוס האָבן מיר געמוזט אָפּשניידן; נאָר דאָס איז דאָך אַ קלייניגקייט! קאָנט איר ריידן?

איך קאָן ריידן און דערצייל זיי אַלצדינג, וואָס דאָ איז באַשריבן.

דער סיגנאַל.

סעמיאָן איז אַ וועכטער אויף דער אייזנבאַן. פון זיין הייזקע ביז די נאָענטסטע סטאַנציעס איז צוועלף וויאָרסט פון איין זייט און צען וויאָרסט פון דער אַנדערער. פוסט און וויסט איז אַרום; נאָר דער הויכער קוימען פון דער גרויער וועב-פאַבריק הייבט זיך פון דער ווייטנס איבער דיביימער פון׳ם אַלטן געדיכטן וואַלד.

סעמיאָן איז קראַנק און צעבראָכן. ניין יאָר זיינען אַוועק, זינט ער האָט זיך צוריקגעקערט פון דער מלחמה. ער האָט באַדינט אַן אָפיצער און דורכגעמאַכט מיט אים די גאַנצע שווערע קריגס-צייט. ער האָט זיך גענוג צרות אָנגעליטן: געהונגערט, געפרוירן, געבראָטן זיך אויף דער זון, מיט בלוטיקן שווייס זיך באַגאָסן אין די איילִיקע מאַרשן צו פערציק און פופציק וויאָרסט אין היץ און אין קעלט. אַ וואָך צייט איז זייער רעגימענט געשטאַנען אין דער ערשטער ליניע. פון איין זייט די רוסן און אַנטקעגן, דאָ באַלד איבער׳ן טאָל, די טערקן. מ׳ליגט אויסגעצויגן אויף דער ערד און מ׳שיסט פון באַגינען ביז׳ן אָוונט. סעמיאָנס אָפיצער איז דאַמאָלסט אויך געווען אין דער ערשטער פייער-ליניע. דריי מאָל אַ טאָג פלעגט סעמיאָן צוטראָגן אַהין אַ קאָכיקן סאַמאָוואַר און וואַרים געקעכץ. סעמיאָן טראָגט דעם סאַמאָוואַר, די קוילן הודזשען, פליען, קלאַפּן אין די שטיינער; ער ציטערט פאַר שרעק, ער וויינט הויך אויפ׳ן קול און שלעפּט דעם סאַמאָוואַר... די אָפיצערן זיינען שטאַרק צופרידן געווען: זיי האָבן שטענדיק געהאַט הייסן טיי. אַ מזל׳דיקער איז ער געווען, די קוילן האָבן אים ניט גענומען...

געקומען איז סעמיאָן אַהיים צו זיך אין דאָרף אַ קראַנקער, די פיס און הענט האָבן אים געבראָכן. דער אַלטער פאָטער און דער פיר-יאָריקער זון זיינער זיינען פאַר דער צייט געשטאָרבן. געבליבן איז ער אַליין, מיט זיין ווייב. וואָס טוט מען? מיט געשוואָלענע הענט און פיס איז ניט אַזוי גרינג צו אַקערן די ערד, פירן די אָרימע פויערישע ווירטשאַפט. און זיי האָבן זיך ביידע געלאָזן איבער דער וועלט זוכן פאַר זיך גליק. לאַנג האָבן זיי אַרומגעוואַנדערט, געווען אין כערסאָן, אין דאָנער געגנט, קיין אַרבעט האָט זיך

אַלץ ניט געמאַכט. די ווייב זיינע האָט זיך געשטעלט דינען, און סעמיאָן וואַנדערט אַלץ אַרום. איינמאָל האָט ער, פאַרנדיק אויף דער אייזנבאַן, דער־קענט אין דעם מייסטער פון אַ באַן־סטאַנציע זיינעם אַ באַקאַנטן אָפיצער. יענער האָט אים אויך דערקענט. סעמיאָן האָט אים אויסדערציילט זיין גאַנצע טרויעריקע לאַגע. ניט ווייט פון דער סטאַנציע האָט זיך דאַמאָלסט געהאַט באַפרייט אַ שטעלע פון אַ באַן־וועכטער, האָט אים דער באַקאַנטער אָפיצער פאַרשפּראָכן צו קריגן פאַר אים די שטעלע. און סעמיאָן איז שוין פאַר־בליבן אויף דער סטאַנציע.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט זיך סעמיאָן מיט זיין ווייב באַזעצט אין דער קליינער הייזקע ביי דער אייזנבאַן־ליניע. די הייזקע איז געווען אַ נייע, אַ וואַרימע; האַלץ איז געווען גענוג; אויך אַ גערטנדל, אַ היפּש שטיקל אַקער לאַנד. סעמיאָן איז שטאַרק צופרידן געווען: ער וועט נאָך קויפן, האָט ער געטראַכט, אַ קו, אַ פערד, און וועט זיך פאַרפירן אַ גאַנצע ווירטשאַפט.

מ'האָט אים געגעבן די נויטיקע זאַכן: אַ רויטן און אַ גרינעם פלאַג, עטלאַכע לאַמטערנעס, אַ האַמער, אַ שרויפן־ציער, אַ גראַב־אייזן, עטלאַכע בעזימער, צוויי ביכלאַך מיט די נייטיקע אָנווייזונגען. די ערשטע צייט האָט סעמיאָן גאַנצע נעכט ניט געשלאָפן, ער האָט אַלץ געלערנט אויף אויסווייניק די אָנווייזונגען. דער צוג דאַרף ערשט אין צוויי שעה אַרום דורכגיין, סעמיאָן אָבער קאָן נים איינזיצן רואיק, ער נעמט דעם פלאַג, זעצט זיך אויף דער באַנק בייםביידל, קוקט און הערט זיך צו, צי דערטראַגט זיך שוין נים דאָס גערויש פונ'ם אָנקומענדן צוג.

ס'איז געווען זומערצייט, ס'איז וואַרים, אַ מחיה. די אַרבעט איז נים קיין שווערע, די צוגן גייען זעלטן אויף דער ליניע. צוויי מאָל אַ טאָג פלעגט סעמיאָן דורכגיין זיין ווייאַרסט, צוציען, וואו ס'באַדאַרף, אַ שרויף, צושיטן אַ ביסל ערד, אַרומקוקן די וואַסער־רערן. פאַרענדיקט די אַרבעט, גייט ער זיך אַהיים, פאַרקעט זיך אַרום הייזל, גראַבט אויף דעם גאָרטן.

אַזוי זיינען אַוועק צוויי חדשים. סעמיאָן האָט זיך געוואָלט באַקענען מיט זיינע שכנים, די וועכטער. איינער פון זיי איז שוין זייער אַן אַלטער מאַן, קוים וואָס ער האַלט זיך אויף די פיס. די אַלטיטשקע זיינע טוט פאַר אים די אַרבעט. דער צווייטער וועכטער איז נאָך אַ יונגערמאַן, אַ דאַרער און אַ ברייט־ביינערדיקער. סעמיאָן האָט אים צום ערשטן מאָל געטראָפן אויף דער ליניע נים ווייט פון זיין הייזקע. ער האָט אַראָפּגענומען דעם הוט און פריינד־

לאַך אים באַגריסט. יענער האָט אויף אים אַ קוק געטאָן פון דער זייט, עפּעס אַ בורטשע געטאָן און איז זיך אַוועק ווייטער.

אין אַ חודש אַרום האָט זיך סעמיאָן דאָך באַקאַנט מיט זיין שכן. נאָכדעם פלעגן זיי זיך אָפּט ביידע צונויפקומען, אַוועקזעצן זיך ערגעץ אין אַ זייט, רווי־כערן די לולקעס און פריינדלאַך שמועסן. וואַסיל, דער שכן זיינער, פלעגט מער שווייגן, סעמיאָן פלעגט דערציילן פון זיין לעבן אין דאָרף און אויף דער מלחמה.

— גענוג צרות האָב איך זיך אָנגעליטן אויף מיין קורצן לעבן. קיין מזל ניטאָ! וועמען ס'איז באַשערט, יענעם גליקט! אַזוי איז עס, ברודער וואַסיל!

וואַסיל האָט אויסגעקלאַפּט די לולקע זיינע, זיך אויפגעהויבן און געזאָגט:

— ניט דער מזל איז שולדיק, נאָר די מענטשן. ניטאָ קיין ערגערע חיה, ווי דער מענטש. יעדערער וואָלט ביים צווייטן דעם ביסן פון מויל אַרויסגע־ריסן, ווען ניט די מענטשן, וואָלט מען נאָך געקאָנט לעבן אויף דער וועלט!

סעמיאָן האָט זיך פאַרטראַכט.

— איך ווייס ניט, ברודער! ס'קאָן זיין, אַז דו ביזט גערעכט; נאָר וואָס קאָן מען טאָן, אַזוי איז עס שוין!

— אויב אַזוי, — האָט וואַסיל געזאָגט, — האָב איך מיט דיר ניט וואָס צו רעדן. אויב מ'זאָל אַלץ פאַר גוט אָננעמען און אַליין זיצן, שווייגן און ליידן, איז מען קיין מענטש ניט, נאָר אַ בהמה.

ער האָט זיך אַ ברוגז'ער אָפּגעקערט, ניט געזעגנט זיך און איז אַוועק.

סעמיאָן האָט זיך אויך אויפגעהויבן:

— פריינט, — האָט אים סעמיאָן נאָכגעשריען, — פאַרוואָס ביסטו אין כעס געוואָרן?

יענער האָט זיך ניט אומגעקוקט און איז געגאַנגען ווייטער.

צום צווייטן מאָל האָבן זיי זיך ווידער געטראָפן און פאַרפירט דעמזעלבן שמועס.

— ווען ניט די מענטשן, ברודער, וואָלטן מיר ניט געזעסן אין די ביידלאַך, — זאָגט וואַסיל.

— און וואָס איז אין ביידל?... ס'איז ניט אַזוי שלעכט, מ'קאָן לעבן.

— לעבן? אַז אַך און וויי איז צו אַזאַ לעבן. מען קומט אָפּ דאָס גאַנצע לעבן, מ'מאַטערט זיך; און ווערסטו אַלט, וואַרפט מען דיך אַרויס ווי אַ שמאַטע. וויפיל באַקומסטו געהאַלט?

— ·ווייניק, ברודער, צוועלף רובל אַ חודש.

— און איך האָב דרייצן מיט אַ האַלב. פאַרוואָס־זשע איז עס אַזוי? לויט'ן געזעץ דאַרפן אַלע גלייך באַקומען פופצן רובל, באַהייצונג און באַלייכ־טונג. און דו זאָגסט נאָך, אַז מ'קאָן לעבן. דאָ רעדט זיך ניט וועגן די עטלאַכע רובל. אָט בין איך דאָ ניט לאַנג געווען אויף דער סטאַנציע. דער באַן־דירעק־טאָר איז דורכגעפאָרן: אַן עקסטראַ צוג מיט נייע ערשט־קלאַסיקע וואַגאָנעס; פאָרט זיך ווי אַ פּריץ. איך וועל דאָ לאַנג ניט פאַרבלייבן; איך וועל אַוועק וואוהין די אויגן טראָגן.

— וואוהין וועסטו גיין, וואַסיל? דו האָסט דאָ אַ הייזקע, אַ גאָרטן. די ווייב דיינע העלפט דיר אונטער צוביסלאַך.

— אַ גאָרטן! אָט האָב איך אין פרילינג פאַרזעצט אַביסל קרויט. קומט פונקט צו פאָרן דער וועג־אויפזעער: „וואָס איז דאָס אַזוינס? — האָט ער זיך צעשריען. — ווער האָט דאָס דיר דערלויבט? אויסגר[illegible]ן! קיין סימן זאָל ניט בלייבן!" — ער איז אַפּנים שיכור געווען, און [illegible]האָב נאָך באַצאָלט דריי רובל שטראָף...

וואַסיל איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט אַ צי געטאָן די לולקע און שטיל אַרויסגערעדט:

— נאָך אַ ווײַלע וואָלט איך אים דאָ אויף טויט דערשלאָגן.

— אַ, ברודער, ביסט אַביסל צו־היציק.

— ניט היציק בין איך, נאָר דעם אמת זאָג איך. איך וועל זיך נאָך מיט אים אָפּרעכענען. איך וועל צום הויפּט־דירעקטאָר צוקומען, איך וועל אים אַלץ דערציילן. מיר וועלן נאָך זען!

און איינמאָל איז טאַקע דער הויפּט־דירעקטאָר אַליין דורכגעפאָרן. אין דריי טעג אַרום האָבן געדאַרפט פון פעטערבורג אָנקומען וויכטיקע לייט. קאָנטראָלירן די אייזנבאַן. דעריבער האָט מען געמוזט אַלץ ברענגען אין אָרדענונג. דעם וועג האָט מען אויסגעגלייכט, צוגעשאָטן ערד, פאַרפעסטיקט די רעלסן, געפאַרבט די סלופּעס. סעמיאָן האָט אַ גאַנצע וואָך שווער גע־אַרבעט, אַלץ געבראַכט אין דער בעסטער אָרדענונג. ער האָט אָנגעטאָן דעם פאַראָרדנעם מאַנטל זיינעם, דאָס בלעכל אויפ'ן גאַרטל האָט געבלאַנקט. וואַסיל האָט אויך שווער געאַרבעט.

געקומען איז דער הויפּט־דירעקטאָר מיט'ן וועג־אויפזעער אויף אַ באַן־וועגעלע. סעמיאָן איז צוגעלאָפן, געשטעלט זיך אין פראָנט און באַגריסט די חשוב'ע לייט.

— און ווער איז אין הונדערט פיר און זעכציקסטן נומער? — פרעגט דער דירעקטאָר.

— וואַסיל ספירידאָוו, האָט דער וועג-אויפזעער געענטפערט.

— ספירידאָוו? דאָס איז דערזעלבער פון וועלכן איר האָט מיר דערציילט?

— יאָ, דאָס איז ער.

דאָס וועגעלע האָט זיך שנעל אָעקגעטראָגן ווייטער.

טראַכט זיך סעמיאָן, אַז דאָרטן ביים שכן וועט עס אַזוי גלאַט ניט הורכגיין.

אַ פּאָר שטונדן שפּעטער זעט סעמיאָן, אימיצער שפּאַנט איבער'ן וועג און האלט אויפ'ן קאָפּ עפּעס אַ ווייסע זאַך. ער האָט זיך גוט צוגעקוקט — וואַסיל. אין האַנט אַ שטעקן, הינטער די פּלייצעס אַ פּעקל, די באַק איז פאַר-בונדן מיט אַ ווייסן טיכל.

— וואוהין גייסטו, פריינט? — שרייט סעמיאָן.

וואַסיל איז צוגעקומען נעענטער; אַ טויט-בלאַס געזיכט, די אויגן ברענען מיט אַ בייז פייערל, די שטים ציטערט.

— אין מאָסקווע מוז איך זיין, איך וועל אים שוין באַווייזן! זאָל די באַן-פאַרוואַלטונג. .

— די פאַרוואַלטונג! לאָז צורו, ברודער, פאַרגעס!

— ניין, ברודער, איך וועל דאָס קיינמאָל ניט פאַרגעסן. דו זעסט, ווי ער האָט מיך ביז בלוט צע'מזיק'ט. ביז'ן קבר וועל איך עס ניט פאַרגעסן. איך וועל זיך ניט לאָזן טרעטן מיט די פיס!

— וואָס איז דאָרטן ביי אייך פאַרגעקומען? — פרעגט סעמיאָן.

— זיי זיינען אַראָפּ פון וועגעלע, באַקוקט אַלץ, אַריין צו מיר איןביידל. איך האָב שוין פריער געוואוסט, אַז מ'וועט פון מיר שטרענג פאָדערן, און דעריבער האָב איך אַלץ געבראַכט אין בעסטער אָרדנונג. זיי האָבן שוין געוואָלט אַפּפאָרן... בין איך אַרויס מיט מיינע טענות, דערמאָנט דעם גאָרטן. „דאָ זיינען געקומען אַזוינע וויכטיקע לייט, — האָט דער וועג-אויפזעער גע-שריען, — און דו קריכסט מיט דיינע נאַרישע טענות, מיט'ן גאָרטן. דאָ זיינען רעגירונגס-אינספּעקטאָרן און דו דערציילסט באָבע-מעשיות מיט קרויט!" איך האָב זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן, געזאָגט עפּעס אַ וואָרט. איז ער צו מיר ווי אַ גזלן צוגעשפּרונגען און דערלאַנגט מיר... איך בין געבליבן שטיין אַ צעטומעלטער, אַ צעבלוטיקטער. איצט, האָט וואַסיל פאַרענדיקט מיט אַ צי-טעריקער שטים, — וועל איך אין מאָסקווע קומען צו דער באַן-פאַרוואַלטונג. אפשר איז דאָרטן פאַראַן מער יושר.

— צופוסנס אין אזא ווייטן וועג? — האָט סעמיאָן געפרעגט.
— איך וועל מיך אַרויפכאַפּן אויף אַ פּראַכט-צוג. מאָרגן אין-דער-פרי וועל איך זיין אין מאָסקווע.
דריי טעג איז וואַסיל אין דער היים ניט געווען, די ווייב זיינע האָט פאַר אים געטאָן די גאַנצע אַרבעט, ניט געגעסן און ניט געשלאָפן, אַלץ געוואַרט אויף'ן מאַן. אויפ'ן פערטן טאָג האָט סעמיאָן געטראָפן וואַסיל'ס פרוי אַ פאַר-וויינטע, אַ דערשלאָגענע.
— געקומען דער מאַן? — פרעגט ער.
זי האָט מיט'ן האַנט אַ מאַך געטאָן, קיין וואָרט ניט געענטפערט און איז זיך אַוועק.

סעמיאָן האָט זיך נאָך אײנגלוויז אויסגעלערנט מאַכן פייפעלאַך פון צווייגן. גאַנץ אָפט פלעגט ער זיך פאַרקלייבן אין וואַלד, אָנשניידן אַ סך צווייגן, אויס-בויערן, וואו מ'באַדאַרף לעכלאַך, אָנווייקן זיי אין וואַסער — און די פייפלאַך זיינען געווען פאַרטיק. ער פלעגט די פייפלאַך אָוועקשיקן מיט אַ באַקאַנטן קאָנדוקטער אין שטאָט אַריין; דאָרטן פלעגט מען זיי פאַרקויפן אויפ'ן מאַרק צו צוויי קאָפּיקעס אַ שטיק. אויפ'ן דריטן טאָג נאָכ'ן באַזוך פון די אינ-ספּעקטאָרן איז סעמיאָן אַוועק אין וואַלד נאָך צווייגן. ניט ווייט פון דער אייזנ-באַן איז געווען אַ גרויסער זומפּ, ביים ראַנד פון זומפּ האָבן זיך צעוואַקסן גע-דיכטע, הויכע קוסטעס. סעמיאָן האָט אָנגעשניטן אַ גרויסן בינטל צווייגן און איז אַוועק אַהיים.
די פאַרנאַכטיקע שאָטנס האָבן זיך שוין געשפּרייט איבער דער ערד, די זון האָט זיך געזעצט. אַרום האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט; נאָר די פייגעלאַך האָבן געזונגען און די טרוקענע צווייגעלאַך געקנאַקט אונטער די פיס. סעמיאָן איז אַרויס פון וואַלד. פּלוצלונג האָט ער דערהערט פון דער-ווייטנס אַ מאָדנעם קלאַנג, אַזוי ווי אייזנס וואָלטן געקלאַפּט איינע אָן די אַנ-דערע. סעמיאָן האָט זיך געלאָזט גיין שנעלער. „וואָס קאָן עס זיין?“ טראַכט ער זיך. פון דערווייטנס האָט זיך געצויגן די אייזנבאַן-ליניע. אויף דער סאַמע ליניע איז געזעסן איינגעבויגן אַ מענטש און עפּעס געפּאָרקעט זיך. סעמיאָן האָט זיך גענומען שטילערהייט אונטער'גנב'ענען. ער האָט געמיינט, אַז אַ-מיצער איז געקומען גנב'ענען שרויפן.
פּלוצלונג דערזעט סעמיאָן, ווי דער מאַן האָט זיך אויפגעהויבן, אין די הענט האַלט ער אַן אייזן, און מיט'ן אייזן האָט ער אַ הייב געטאָן אַ רעלס

און א רים געטאָן עס אָן אַ זייט. סעמיאַנ׳ען איז פינסטער געוואָרן אין די אויגן. ער וויל שרייען און קאָן ניט. ער זעט, ווי דער מאַן האָט זיך גע־לאָזט לויפן. ער קוקט זיך צו — דאָס איז דאָך וואַסיל! א רגע — און יענער האָט זיך שוין אראָפּגעקייקלט פון דער ליניע.

— וואַסיל, ברודער! קער זיך אום, גיב אַהער דאָס אייזן! — שרייט אויס סעמיאָן. — מיר וועלן דעם רעלס אויפ׳ן אָרט אַוועקלייגן, קיינער וועט ניט וויסן.

וואַסיל האָט זיך ניט אומגעקוקט און איז געלאָפן צום וואַלד.

שטייט סעמיאָן אַ צעטומלטער און ווייס ניט, וואָס טוט מען? די צווייגן זיינען ביי אים פון די הענט אַרויסגעפאַלן. אָט באַלד דאַרף אָנקומען דער פּאַסאַזשירן־צוג. מיט וואָס קאָן ער אים פאַרהאַלטן? קיין פלאַג האָט ער ניט. אַוועקלייגן דעם רעלס אויפ׳ן אָרט אָן אינסטרומענטן קאָן מען אויך ניט. ס׳מוז לויפן אין ביידל... ברענגען געצייג...

לויפט סעמיאָן, קוים וואָס ער קאָן דעם אָטעם כאַפּן. אָט... אָט... פאַלט ער אַנידער.

ער איז אַרויס פון וואַלד. ביז זיין הייזל איז נאָך פאַרבליבן אַ קלאַפּטער הונדערט. ער דערהערט דעם אויסגעצויגענעם פייף פון דער וועבערײַ. ס׳איז זעקס אַזייגער. אין צוויי מינוט אַרום דאַרף דורכגיין דער צוג. און סעמיאָן שטעלט זיך פאָר, ווי דער לאָקאָמאָטיוו וועט מיט׳ן לינקן ראָד אַ האַק טאָן דעם רעלס, וועט אַ ציטער טאָן, אָנביינגן זיך, וועט נעמען רייסן און שלעפּן די שפּאַלן; אָט פאַלט ער אראָפּ פון דער באַן־ליניע... עלף קלאַפּטער אראָפּ אין דער טיף... און דאָרטן, אין דריטן קלאַס, זיצן אָנגעפּאַקט פרויען, קליינע קינדער. ניין, איך וועל שוין ניט באַווייזן קומען צו דער צייט...

סעמיאָן האָט זיך געלאָזט לויפן צוריק נאָך שנעלער. ס׳בלענדט אים אין די אויגן, ס׳איז אים פינסטער געוואָרן... וואָס טוט מען, וואָס טוט מען?! ער איז צוגעלאָפן צום אַרויסגעריסענעם רעלס... די צווייגעלאַך ליגן צע־וואָרפן... ער האָט זיך אָנגעבויגן, געכאַפּט אַ צווייגל; ער ווייס אַליין ניט, וואָס ער טוט, ער לויפט ווייטער. אים דאַכט זיך, אַז דער צוג קומט שוין אָן, ער הערט אַ וויייטן פייף, ער הערט ווי די רעלסן ציטערן, רוישן. ער קאָן שוין ווייטער ניט לויפן, ער גייט אויס מיט די כּוחות. ער איז געבליבן שטיין אַ קלאַפּטער הונדערט ווייט פונ׳ם שרעקלאַכן אָרט און פּלוצלונג האָט אים עפּעס אַ בליץ געטאָן אין מוח.

סעמיאָן האָט אַראָפּגענומען זיין הוט, האָט פון דאָרטן אַרויסגענומען אַ

ווייס טיכל, אַרויסגעצויגן פון שטיוול אַ מעסער און אַ האַק געטאָן מיט׳ן מעסער אין זיין לינקער האַנט, עטוואָס העכער איבער׳ן איילנבויגן. ס׳האָט אַ שפּריץ געטאָן בלוט; ס׳גיסט זיך אַ הייסער שטראָם; ער האָט איינגע־טונקט דאָס טיכל אין בלוט, פאַנאַנדערגעצויגן עס, צוגעבונדן צום צווייגל און האָט הויך אויפגעהויבן דעם רויטן פלאַג.

סעמיאָן שטייט, שאָקלט מיט׳ן רויטן פלאַג. פון דערווייטנס זעט זיך שוין דער צוג. דער מאַשיניסט אָבער זעט אים ניט, ער וועט צוקומען נאָענט, ער וועט שוין ניט קאָנען אָפּשטעלן דעם שווערן, לאַנגן צוג!

און דאָס בלוט גיסט זיך, שטראָמט. סעמיאָן דריקט צו די וואונד צום זייט, וויל פאַרהאַלטן דאָס בלוט, אומזיסט! אים איז פינסטער געוואָרן אין די אויגן; שוואַרצע פליגן האָבן אָנגעהויבן ווי פלאַטערן פאַר זיי; ס׳קלינגט אים אין די אויערן. ער זעט שוין ניט דעם צוג, ער הערט ניט דאָס גערויש. איין געדאַנק עגבערט נאָר זיין מוח: „איך וועל ניט אויסהאַלטן, דער פלאַג וועט אַרויספאַלן פון מיינע הענט. דער צוג וועט אַריבער מיר״.

ס׳איז פינסטער געוואָרן... דער פלאַג האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון זיין האַנט... ניט אַראָפּגעפאַלן איז אָבער די בלוטיקע פאָן, אימיצנס האַנט האָט זי אונטערגעכאַפּט און הויך אויפגעהויבן אַנטקעגן דעם אָנקומענדן צוג. דער מאַשיניסט האָט עס באַצייטנס באַמערקט. אַ רגע... און דער צוג איז געבליבן שטיין.

ס׳זיינען אַרויסגעלאָפן פון די וואַגאָנעס די פּאַסאַזשירן. זיי זעען: עס ליגט אויף דער ערד אַ פאַר׳חלש׳טער, צעבלוטיקטער מענש, און אַ צווייטער שטייט לעבן אים מיט אַ רויטער שמאַטע אין האַנט.

וואַסיל, וואָס האָט געהאַלטן דעם פלאַג, האָט אַ קוק געטאָן אויף די פּאַר־זאַמלטע, האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגן און שטיל אַרויסגערעדט:

— איך בין שולדיק, איך האָב עס אַרויסגעריסן דעם רעלס.

אַרטאָ־דיוס פּרינטינג קאָ., אינק.
195 קאַנעל סטריט, ניו יאָרק